בעזהשי"ת

## קונטרס

# עס וועט זיין גוט

וואס דאס איז א וואונדערליכע שיעור, געזאגט געווארן דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש שליט"א

אריינצוברענגען אין אונז די ריינע און קלארע אמונה אין באשעפער,
ווי אויך עצות און התחזקות וויאזוי אדורך צו גיין דעם לעבן בשלום.

## פרשת מטות מסעי תשע"ב

געבויעט און באגרינדעט אויף די ווערטער פון אונזער הייליגער און פארכטיגער רבי,
דער באהאלטענע ליכטיגקייט, דער הייליגער הויכער ליכט, אדוננו, מורינו ורבינו

### רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש, א וואונדערליכע ליכט,
וואס קיין שום באהעלטעניש איז נישט פארהוילן פון איהם,

### רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים
פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געברענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

## הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
## אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**מוסדות היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652** ישיבה אפיס

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
**347-243-2992**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

breslevcity.co.il

# עֶס וֶועט זַיין גוּט

א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נב): **מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ!** פוּן יֶעדֶע זַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס דֶער כָּבוֹד פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נד): אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם פוּן אֵין סוֹף בִּיז אֵין תַּכְלִית אוּן עֶר אִיז מְרַמֵּז יֶעדְן מֶענְטְשׁ רְמָזִים וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים. דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן: אַז עֶס אִיז

נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר זֶעהְט, אוּן הֶערְט, אוּן שְׁפִּירְט, אוּן גֵייט, אַלֶעס אִיז נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע הָאט גֶעזָאגְט (כֶּתֶר שֵׁם טוֹב, סִימָן שצה): אַלֶעס אִיז אֶלֹקוּת, אוּן אֶלֹקוּת אִיז אַלֶעס. אוּן דָאס זָאגְן מִיר יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען: אַתָּה הוּא אֶחָד קוֹדֶם שֶׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם, וְאַתָּה הוּא אֶחָד מִשֶּׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם. - דוּ בַּאשֶׁעפֶּער בִּיסְט אֵיינֶער אַלֵיין פַאר דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן דוּ בִּיסְט אֵיינֶער אַלֵיין נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט .

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נא): אִין אֱמֶת׳ן אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק פַאר דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפוּנְג אוּן נָאךְ דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפוּנְג, שְׁטֶענְדִיג אִיז אַלֶעס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר וָואס דֶען? פַאר דִי בְּרִיאָה אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען אֵין סוֹף, אוּן דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד אִיז גֶעוֶוען אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן: (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה א, סִימָן ד): זֶעקְס

breslevcity.co.il

זַאכְן זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען פַאר דִי וֶועלְט, אֵיינֶע פוּן זֵיי, אִיז דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד. וָואס דָאס אִיז אַ 'חֵלֶק אֱלוֹקַי מִמַעַל' אָבֶּער וִוי נָאר עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ 'בְּרִיאָה' אִיז שׁוֹין דָא אַ הֶפְרֵשׁ, וֶועגְן דֶעם דַאכְט זִיךְ שׁוֹין, אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ זַאכְן אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן חָלִילָה, אוּן אַז דֶער דֶער וֶועלְט אִיז אַ זַאךְ פַאר זִיךְ, אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט אַלֶע כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוֹת, בִּיז עֶס אִיז פַארְהַאנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס לֵייקֶענֶען אַלֶעס, בִּשְׁעַת יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶקוּנְדֶע גֶעט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָאס לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס וְכוּ', נָאר דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דָאס גוּטְס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אִים, בִּפְרַט אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת, פַארְרֶעדְט עֶר זִיךְ נֶעבֶּעךְ קֶעגְן בַּאשֶׁעפֶער חָלִילָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): **כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאוֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים

breslevcity.co.il

דוּרְךְ אִיז פַאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז הֲוַיָ"ה וָואס דָאס אִיז רַחֲמִים, דָאס הֵייסְט עֶס גֵייט אִים גוּט, אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז אֱלֹקִים, עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער בִּיטֶערֶע צָרוֹת, אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵּק, אוּן וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים, אוּן דַאנְקְט אִים, דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא. דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס דָאס אִיז 'אַחַר הַבְּרִיאָה', וָואס מֶענְטְשְׁן לֵייקֶענֶען שְׁטֵיין אוּן בֵּיין, מֶען גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין גָארְנִישְׁט, אוּן מֶען קוּמְט אִים פְּרֶעגְן: וְויאַזוֹי זָאגְסְטוּ עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים?! קוּק וָואס עֶס גֵייט דִיר אִיבֶּער! קוּק וָואס דוּ לַיידְסְט! דָאךְ וֵוייסְט עֶר, אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס עֶר טוּט אִיז גוּט! דֶעמָאלְטְס לֶעבְּט עֶר אִין עוֹלָם הַבָּא. וַוייל אֲפִילוּ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וֵוייסְט עֶר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט אַלֶעס, אָבֶּער אַז עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, דֶעמָאלְטְס אִיז אִים בִּיטֶער, אוּן עֶס אִיז בַּיי אִים דָא אַ חִילוּק, צְוִוישְׁן 'עוֹלָם הַזֶּה' אוּן 'עוֹלָם הַבָּא'.

breslevcity.co.il

װֶעגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעװאוֹינֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס װָאס עֶר הָאט יָא, אוּן מוֹדֶה זַיין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעט אִים דָאס אַלֶעס, אוּן אַז עֶר הָאט צוּ עֶסְן, אִיז דָאס דֶער מָן. אוּן אַז עֶר הָאט צוּ טְרִינְקֶען, אִיז דָאס דֶער בְּאֵר. אוּן אַז עֶר הָאט קְלֵיידֶער זִיךְ אָנְצוּטוּהְן, אִיז דָאס דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד. װַייל דִי אַלֶע זַאכְן גֶעט אוּנְז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער הַיינְט אוֹיכֶעט, נָאר מִיר כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט, אוּן מִיר שְׁפֵּייעֶן צוּרִיק כַּבְיָכוֹל דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אַנְשְׁטָאט אִים צוּ גֶעבְן אַ דַאנְק, אוּן זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר, אַז דִי הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען אוּן קְלֵיידוּנְג אָנְצוּטוּהְן. װָאס אוֹיף דֶעם אַלֶעם הָאבְּן חַזַ"ל מְתַקֵן גֶעוֶוען בְּרָכוֹת, בִּפְרַט בִּרְכַּת הַמָזוֹן װָאס דָאס אִיז שׁוֹין מִן הַתּוֹרָה (בְּרָכוֹת כא.).

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (פַּרְשַׁת וַיַקְהֵל, ריח.): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ שִׂמְחָה, אוּן דֶער חִידָ"א (נִצוּצֵי אוֹרוֹת שָׁם): לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם זוֹהַר,

breslevcity.co.il

אַז וֶוען אַ מֶענְטְש בֶּענְטְשְׁט מִיט אַ שִׂמְחָה, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט עֶר אַ עוֹשֶׁר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י, כב): **בִּרְכַּת הֲוַיָ"ה הִיא תַעֲשִׁיר**. אוּן מֶען דַארְף טַאקֶע זֶעהְן צוּ בֶּענְטְשְׁן נָאר אִין אַ סִידוּר, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יז): אַז נָאכְן עֶסְן וֶוערְט אַ מֶענְטְש אַבִּיסְל צוּמִישְׁט. אוּן עֶר וֶועט אוֹיסְלָאזְן אַ בְּרָכָה.

ב.

דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּיי אַ רֶבִּי מִיט אַ תַּלְמִיד, אִיז דֶער עִיקָר מַעְלָה אוּן שְׁלֵימוּת פוּן דֶער תַּלְמוּד, אַז עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר פַארְמָאגְט אִיז נָאר פוּן זַיין רֶבִּי'ן.

אוּן דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, וָואס כָאטְשִׁיג עֶר הָאט אַזוֹיפִיל מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט עֶר זִיךְ גֶערוּפְן **"מְשָׁרֵת משֶׁה"** (בַּמִּדְבָּר יא, כח), אִיךְ בִּין נִישְׁט מֶער וִוי אַ מְשָׁרֵת בַּיי משֶׁה. אוּן וִוידֶער משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אַלְץ גֶערוּפְן **"עֶבֶד הַשֵּׁם"** (יְהוֹשֻׁעַ א, א), עֶר דִינְט אוּן אִיז כַּבְיָכוֹל אַ

breslevcity.co.il

קֶנֶעכְט בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער. [דֶער הֵיילִיגֶער ׳בֶּן אִישׁ חַי׳ זי״ע הָאט גֶעהַאט אַ רֶבִּי וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עֲבֶדַאלַלה סוֹמֵךְ, זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר שׁוּ״ת זִבְחֵי צֶדֶק אוֹיף יוֹרֶה דֵעָה). עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער דֶעם נָאמֶען וַוייל עֲבֶדַאלַלה אִיז אַן אַרַאבִּישֶׁע נָאמֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן שְׁטֵיין אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען וָואס אִיז דִי וֶוערְטֶער עֶבֶד-אֵל, אַ קְנֶעכְט פַאר בַּאשֶׁעפֶּער.]

דָאס זֶעהְן מִיר אוֹיךְ בַּיי אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם, וָואס כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט צֶען קֶעמְלֶען אוּן מִיט אַ גְרוֹיסֶע עַשִׁירוּת, הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעזָאגְט לָאזְט מִיר רֶעדְן, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זָאגְן: **עֶבֶד אַבְרָהָם אָנֹכִי!** (בְּרֵאשִׁית כד, לד) אִיךְ בִּין אַבְרָהָם׳ס קְנֶעכְט. דֶערְפַאר וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן דַמֶשֶׂ״ק אֱלִיעֶזֶר (בְּרֵאשִׁית טו, ב), אַזוֹי וִוי חַזַ״ל דַרְשֶׁ׳נֶען (יוֹמָא ח:): **דוֹלֶה וּמַשְׁקֶה מִתּוֹרַת רַבּוֹ לַאֲחֵרִים**, עֶר הָאט אָנְגֶעשֶׁעפְּט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען פוּן זַיין רֶבִּי׳ס תּוֹרָה פַאר אַנְדֶערֶע. וַוייל אַ

breslevcity.co.il

תַּלְמוּד דַארְף שְׁטֶענְדִיג מוֹדֶה זַיין אַז אַלֶעס וָואס עֶר וֵוייסְט אוּן רֶעדְט, אִיז אַלֶעס פוּן זַיין רֶבִּי, אוּן עֶר אִיז נָאר גֶעגְלִיכְן צוּ אַ טְעֶי"פ רֶעקָארְדֶע"ר, וָואס רֶעדְט אִיבֶּער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט.

דָאס גֶעפוּנְט מֶען אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיטְן גְרֶעסְטְן מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין. חַזַ"ל זָאגְן (מְנָחוֹת סה.): 'מֹשֶׁה אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל הָיָה' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט לִיבּ גֶעהַאט יֶעדְן אִיד. אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר יֶעדְן אִיד, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין חֵלֶק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְגֶע וֶוערְטֶער פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ה, כב): 'לָמָה הֲרֵעוֹתָה לָעָם הַזֶה' פַארְוָואס הָאסְטוּ שְׁלֶעכְטֶס גֶעטוּעְן פַאר דִי אִידְן?! פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען, טוּט פַּרְעֹה נָאךְ מֶער צָרוֹת פַאר דִי אִידְן!. עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, נָאר אַז פַאר דִי אִידְן זָאל

breslevcity.co.il

זַיין גוּט. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ו, א): 'עַתָּה תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה' יֶעצְט וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואס אִיךְ וֶועל טוּעֶן פַאר פַּרְעֹה. אָבֶּער דוּ וֶועסְט נִישְׁט זֶעהְן וָואס אִיךְ וֶועל טוּעֶן פַאר דִי זִיבְּן פֶעלְקֶער וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (עַיֵּין בְּרַשִׁ"י שָׁם). אוּן דָא אִיז עֶר שׁוֹין בַּאשְׁטְרָאפְּט גֶעוָוארְן. נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט מוּסָר (שְׁמוֹת ו, ב): **וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם** וְגוֹ'. אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ אַבְרָהָם צוּ יִצְחָק אוּן צוּ יַעֲקֹב בְּאֵל שַׁדָּ"י מִיטְן גְרֶעסְטְן מִדַּת הַדִּין, אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶוען. דָאךְ שְׁטֵייט נִישְׁט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

פוּן דֶעסְטְוֶועגְן כָאטְשׁ דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא רֶבִּי'ן, וָואס הָאט זֵיי אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט, אוּן זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר זֵיי, דָאךְ הָאבְּן דָתָן וַאֲבִירָם נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן יֶעדֶעס

breslevcity.co.il

מָאל נָאכְאַמָאל גֶעפַּיינִיגְט אוּן גֶע׳רוֹדְפְּ׳ט, בִּיז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען בַּיי ׳הַכָּאַת הַצוּר׳ - שְׁלָאגְן דֶעם פֶּעלְזְן שְׁטֵיין (בַּמִדְבָּר כ), אוּן דֶער שְׁטֵיין הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע פֶּעלְזְן שְׁטֵיינֶער, הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע צְוֵויי שְׁקָצִים דָתָן וְאַבִירָם גֶעזָאגְט פַּאר משֶׁה רַבֵּינוּ: אֶפְשָׁר דַארְף מֶען שְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, אָדֶער דֶעם שְׁטֵיין? דָא הָאט זִיךְ משֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר כ, י): **שִׁמְעוּ נָא הַמוֹרִים!** זָאגְט רַשִׁ״י פוּנֶעם מֶדְרָשׁ (בַּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה יט, סִימָן ט): **מוֹרִים אֶת מוֹרֵיהֶם.** אִיר לֶערְנְט מִיר וָואס צוּ טוּהְן?! אִיךְ בִּין דָאךְ עֶנְקֶער רֶבִּי! אוֹיךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (שָׁם): **מוֹרִים**, אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן **שׁוֹטִים**. וַוייל דָאס צוּ טוּהְן אִיז דַאךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע נַארִישְׁקֵייט.

אוּן מֶען קֶען דָאס זֶען בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיכֶעט, בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַאר אַנְדֶערֶע מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט, עֶר גְרֵייט אָן אַ טֶעלֶער זוּפּ, אַ טֶעלֶער פְלֵייש, מִיט אַלֶע מַעֲדַנִים, אוּן אַ מֶענְטְשׁ

breslevcity.co.il

עֶסְט, אוּן בִּשְׁעַת׳ן עֶסְן זִיצְט עֶר אוּן רֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיף דֶעם וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי עֶסְן. דָאס אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער בּוּשָׁה! דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? דֶער לֶעפְּל אִיז נִישְׁט דַיינְס, דֶער טֶעלֶער אִיז נִישְׁט דַיינְס, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט דִי זוּפּ אוּן דִי פְלֵייש אוּן דִי אַלֶע בַּא׳טַעמְ׳טֶע צוּשְׁפַּייזְן וָואס לִיגְט אַרוּם דִי פְלֵייש אִיז נִישְׁט דַיינְס, אוּן דִי זִיצְט אוּן עֶסְט אוּן דִי רֶעדְסְט כָּל דָבָר אָסוּר, אוֹיף דֶעם וָואס הָאט דִיר דָאס אַלֶעס גֶעגֶעבְּן?!

[פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַוַודַאי אַז מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף דֶעם, אוּן וֶוער עֶס וִויל טוּהְן חֶסֶד אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעט פַארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס גוּטְס, כָאטְשׁ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפַּייט רוֹב מָאל צוּרִיק אוּן הָאט טַעֲנוֹת וְכוּ׳, גֶעט דֶער בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ אַלְץ, דֶער זֶעלְבֶּע דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אַזוֹי זַיין.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ ׳בֵּית הַתַּבְשִׁיל׳ אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע קְהִילָה יַבְנְאֵל עִיר

breslevcity.co.il

בְּרֶסְלֶב, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וָואס מֶען קֶען קוּמֶען עֶסְן פוּן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ וָותִיקִין, בִּיז בַּיינַאכְט, יֶעדֶער וָואס אִיז הוּנְגֶערִיג אוּן דוּרְשְׁטֶערִיג, ווִי עֶס וֶוערְט פַארְטֵיילְט נָאנְט צוּ טוֹיזֶענְט פָּארְצִיעֶס, אָן קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פַאר וֶועמֶען, דִי אוֹיפְטוּה דֶערְפוּן אִיז, אַז דֶער וָואס הָאט טַאקֶע נִישְׁט, זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, אוּן הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם וָואס צוּ עֶסְן, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, וַוייל בַּיי יֶעדֶע צְדָקָה קֶען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְפָּאפְּן, חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט.): **אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת**, אַז אֵיינֶער בֶּעט עֶסְן, פְּרֶעגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, צוּ עֶר דַארְף טַאקֶע צוּ נִישְׁט, נָאר מֶען גֶעט אִים, וַוייל אַז עֶר אִיז נִישְׁט הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען עֶסְן].

ג.

קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז אֱלֹקוּת, אוּן אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר שִׁיקְט מִיר רְמָזִים אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט, אִיךְ דַארְף עֶס נָאר הֶערְן. וָואס דָאס הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב

הַקָדוֹשׁ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הֶערְט, אוּן עֶר זֶעהְט, זָאגְט מֶען אִים מוּסָר.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה: עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט אַ נֵייעֶם וֶועג! אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ פְּרֶעגְן דֶערוֹיף קַשְׁיוֹת, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט נִישְׁט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז זַיין, זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז, אִיר קֶענְט פְּרֶעגְן! עֶר פַאנְגְט אִים אָן צוּ פְּרֶעגְן, פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט דֶעם נֵייעֶם וֶועג? הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ פַארְצֵיילְט: וִויאַזוֹי עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן אַז דֶער טַאטֶע הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט צַוָואָה, אוּן גֶעזָאגְט: יִשְׂרָאֵלִ׳יק! זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, זָאלְסְט וויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אִין דִיר, אוּן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר וֶועט

breslevcity.co.il

דִיר אַלֶעס גֶעבְּן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מִיט אִים גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן אֵיין שְׁמוּעֶס צוּם צְוֵוייטְן, בִּיז עֶר זָאגְט אִים: וֶועסְט זֶעהְן אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, זָאגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

פְּלוּצְלִינְג קְלַאפְּט אַרַיין אַ גוֹי אַ הֶענְדִי-מַאן אוּן פְרֶעגְט: אִיר הָאט עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן? זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: גֵיי גֵיי, בַּיי מִיר אִיז אַלֶעס פַארְרָאכְטְן. אָבֶער ווִיבַּאלְד יֶענֶער ווִיל פַארְדִינֶען אַפָּאר גְרָאשְׁן לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ אוּן פְרֶעגְט: אֶפְשָׁר בַּיים טִישׁ אִיז עֶפֶּעס צוּבְּרָאכְן אָדֶער קַאלְיֶע גֶעוָוארְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ בַּיי מַיין טִישׁ אִיז אַלֶעס בְּסֵדֶר! פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר דֶער בֶּעט דַארְף מֶען פַארֶעכְטְן? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: מַיין בֶּעט אִיז בְּסֵדֶר. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי שְׁטוּבּ, בִּיז עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, דוּ זֶעהְסְט: עֶר אִיז מַיין מוּסָר סֵפֶר! עֶר זָאגְט מִיר: אֶפְשָׁר מַיין טִישׁ אִיז

breslevcity.co.il

נִישְׁט בְּסֵדֶר אַז אִיךְ עֶס חָלִילָה נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר׳ע זַאכְן? זָאג אִיךְ אִים: מַיין טִישׁ אִיז בְּסֵדֶר, פְרֶעגְט עֶר: אֶפְשָׁר בַּיים בֶּעט טוֹיג נִישְׁט? אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעֶנְטְפֶערְט: בַּיי מִיר אִיז דִי בֶּעט גוּט, אוּן אַזוֹי מִיט יֶעדֶע זַאךְ.

זָאגְט דֶער גָאוֹן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אַלֶעס קֶען אִיךְ אָנְנֶעמֶען, אָבֶּער נִישְׁט דָאס, אַז אַ גוֹי זָאל מִיר זָאגְן מוּסָר, אוּן אַז וֶוען דֶער גוֹי רֶעדְט, אִיז עֶר אַ שָׁלִיחַ פוּן בַּאשֶׁעפֶער. זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, זָאג אַז דוּ ווִילְסְט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, ווִיל; וֶועסְטוּ קֶענֶען! מִיט דִי וֶוערְטֶער אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט כַּעַס פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ גֶערֶעגְט אוּן גֶעגִיפְט, דָאס לֶערְנְט מֶען דָא, אַז אֲפִילוּ וָואס אַ גוֹי זָאגְט, אִיז דָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער? אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז ׳דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען׳, זָאגְט עֶר: ׳דוּ קֶענְסְט יָא נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט׳.

breslevcity.co.il

אַזוֹי פָּארֶענְדִיג אִינְמִיטְן װֶועג, הָאט זִיךְ אַ וָואגְן פוּל מִיט פֵּירוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן דֶער גוֹי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַלֵיין אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶּערְד, הָאט זִיךְ דֶער גוֹי גֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם רָב: קוּמְט אוּן הֶעלְפְּט מִיר אַרוֹיס, זָאגְט עֶר אִים: אִיךְ קֶען נִישְׁט! זָאגְט אִים דֶער גוֹי: זָאג נִישְׁט דוּ קֶענְסְט נִישְׁט, זָאג דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, װֶועסְט װֶועלְן, װֶועסְטוּ קֶענֶען מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פֶּערְד! וִוי נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזוּכְט נָאךְ מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן לָאמִיר אִים הֶעלְפְן, אוּן עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, כְּדֵי דָאס אִים צוּ פַארְצֵיילְן אוּן מוֹדֶה זַיין צוּ אִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז אִים שׁוֹין אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזוֹי וִוי מַיינֶע אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים? אוּן אַז דִי ווִילְסְט װֶועסְטוּ קֶענֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב): אַז אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שְׁוֶוער קַשְׁיוֹת אוֹיפְן

breslevcity.co.il

בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל אַזוֹי דַארְף עֶס צוּ זַיין, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פְּרֶעגְט מֶען קַשְׁיוֹת אוֹיף אַ עֶרְלִיכֶער אִיד. וַוייל אַ עֶרְלִיכֶער אִיד טְרַאכְט זַיין גַאנְצֶע מֹחַ נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן אִים אַלֵיין זֶעהְט מֶען גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר הָאט מֶען קַשְׁיוֹת אוֹיף אִים, אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קמ): אוֹיף אַ צַדִיק קֶען מֶען גָארְנִישְׁט זֶעהְן, עֶר אִיז אַזוֹי וְוי אַ זִיגְל, וָואס מֶען זֶעהְט נָאר פַארְקֶערְט, נָאר וֶוען מֶען זִיגֶלְט אַרָאפּ קֶען מֶען זֶעהְן גְרָאד. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאר אוֹיפְן תַּלְמִיד קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם צַדִיק. דָאס הֵייסְט דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט וְוי אַזוֹי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעבְרָאכְטְן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחְנִיוּת דוּרְכְן צַדִיק, זֶעהט עֶר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיק, אָבֶּער נָאכְדֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְרָאכְטְן קוּמְט אִים אַרוֹיף קַשְׁיוֹת אוֹיפְן צַדִיק, אוּן עֶר הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף אִים וְכוּ'. וֶועגְן דֶעם ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן וֵוייסְט אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס

און הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קיח):

ד.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, יוֹם טוֹב, הֲלָכָה ה, אוֹת יא): דִי דְרֵייִ שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרֵייִ וָואכְן אִיז אַקֶעגְן דִי דְרֵייִ יָמִים טוֹבִים פֶּסַח שְׁבוּעוֹת סוּכּוֹת. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער קֶשֶׁר אֵיינְס צוּם אַנְדֶערְן?

מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי עֶרְשְׁטֶע הַפְטוֹרָה פוּן דִי דְרֵייִ וָואכְן, בַּיי דִי נְבוּאָה, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר יִרְמְיָה הַנָּבִיא: (יִרְמְיָה א י"א): 'וַיְהִי דְבַר הֲוַיָּה אֵלַי לֵאמֹר', דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט צוּ מִיר גֶערֶעדְט, און גֶעפְרֶעגְט: וָואס זֶעהְסְטוּ יִרְמְיָהוּ? וְאָמַר מַקֵּל שָׁקֵד אֲנִי רֹאֶה, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: אִיךְ זֶעה אַ שְׁטֶעקְן וָואס עֶס וַואקְסְט אוֹיף דֶעם מַאנְדְלֶען. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט צוּ מִיר: הֵטַבְתָּ לִרְאוֹת, הָאסְט גוּט גֶעזֶעהְן, כִּי שֹׁקֵד אֲנִי עַל דְבָרִי לַעֲשׂתוֹ, וָואס אִיךְ זָאג אַזוֹי וֶועט טַאקֶע זַיין.

breslevcity.co.il

כְּדֵי צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז גֶעוֶוען דִי נְבוּאָה מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַ שְׁטֶעקְן אוּן אוֹיף דֶעם וַואקְסְט מַאנְדְלֶען? נָאר דִי סוֹד פוּן נְבוּאָה אִיז, (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע, הֲלָכָה ה׳): אַז דֶער נָבִיא פַאנְגְט אָן צוּ קוּקְן, אוּן צוּ הֶערְן, וָואס אִיז דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אָדֶער גֶעהֶערְט? אַזוֹי וְוִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה כז, סִימָן א.): אַז דִי נְבִיאִים זֶענֶען מְהַפֵּךְ צוּרָה לְיוֹצְרוֹ, יֶעדֶע בִּילְד וָואס זֵיי זֶעהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, טְרֶעפְן זֵיי אִין דֶעם, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט (תַּעֲנִית פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ה): אַז מַאנְדְלֶען פוּן וֶוען מֶען זֵייעֶט דָאס אָן בִּיז עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס, דוֹיעֶרְט דָאס אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי דְרֵיי וָואכְן פוּן בֵּין הַמְצָרִים, פוּן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פה): אַז אַן אֵיי, אוּן דֶער בּוֹים לוּז דוֹיעֶרְט צוּ וַואקְסְן אֵיין אִין צְוָואנְצִיג טֶעג, וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף בֵּין הַמְצָרִים.

breslevcity.co.il

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס פּוּנְקְט מַאנְדְלֶען נֶעמְט אַזוֹיפִיל טֶעג צוּ וַואקְסְן? נָאר מַאנְדְלֶען, פַאר עֶס אִיז גֶעצַייטִיגְט אִיז דָאס זֵייעֶר בִּיטֶער, אָבֶער וֶוען דָאס אִיז שׁוֹין גֶעצַייטִיגְט, דֶעמָאלְט אִיז דָאס זִיס (עַיֵין זוֹהַר שְׁמוֹת דַף יד:). דָאס הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעוִויזְן פַאר יִרְמְיָהוּ הַנָבִיא, אַ שְׁטֶעקְן, וָואס מִיט דֶעם כַּאפְּט מֶען קְלֶעפּ, אוּן אוֹיךְ אִיז גֶעוַואקְסְן אוֹיף דֶעם מַאנְדְלֶען, צוּ וַוייזְן אַז בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט טַאקֶע זַיין בִּיטֶער פַאר דִי אִידְן, אַזוֹי וִוי דִי בִּיטֶערֶע מַאנְדְלֶען, אוּן זֵיי וֶועלְן נֶעבֶּעךְ דוּרְךְ גֵיין אַ בִּיטֶערְן גָלוּת, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶועט שׁוֹין זַיין גוּט אוּן זִיס, אַזוֹי וִוי דִי זִיסֶע מַאנְדְלֶען.

דָאס אִיז דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער קְלָאגְן אוֹיפְן שְׁוֶוערְן גָלוּת, אוּן דֶער עִיקָר גָלוּת אִיז, אַז מֶען פַאלְט אַרַיין מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער אַז מֶען הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, וֶוערְט נָאכְדֶעם זֵייעֶר לֶעכְטִיג אוּן זִיס.

breslevcity.co.il

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זי״ע אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים הַגָאוֹן הַצַדִיק רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג מַרְגָלִיוֹת זַצַ״ל גֶעפְרֶעגְט: פַאר וָועמֶען לָאזְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אִיבֶּער דָא? פַאר וֶועמֶען וֶועלְן מִיר גֶעבְן אַ קְוִויטְל וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה, צוּ וֶועמֶען וֶועט מֶען גֵיין? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן אֵיינֶער שַׁארְט אַרוּיף דִי עֶרְמֶעל אוּן הָאט אַ נָאמְבֶּע״ר, [וָואס דִי דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעקְרִיצְט בַּיי דִי מִלְחָמָה אַלְץ סִימָן] אוּן לֵייגְט נָאךְ תְּפִילִין, פוּן אִים מֶעג מֶען בֶּעטְן אַ בְּרָכָה! (זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה, יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ זֶעה אַזַא אִיד, בֶּעט אִיךְ אִים אַ בְּרָכָה.) וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דָאס גְרֶעסְטֶע גֵיהֵנוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה.

breslevcity.co.il

עֶס אִיז גֶעוֶוען דָאהִי אַ מֶענְטְש וָואס אִיז גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן אַ קַאפָּא"ו בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה, אוּן מֶען הָאט אִים גֶע'מַסֶרְ'ט, אוּן עֶפֶּעס אַ אִיד הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְלוֹיזֶענְבּוּרְגֶער רָב זי"ע קֶען מֵעִיד זַיין פַארְן דְזְשָׁאדְ"שׁ, הָאט עֶר אִים אַרָאפְּגֶערוּפְן, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין מַסֶרְ'ן אַ אִיד בְּשׁוּם אוֹפָן, אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים אַיינְזֶעצְן אַלְץ קְנַס. פַארְן דְזְשָׁאדְ"שׁ אִיז דָאס גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז אַ מֶענְטְש זָאל נִישְׁט וֶועלְן עֵדוּת זָאגְן אֲפִילוּ עֶר וֶועט דַארְפְן זִיצְן אִין תְּפִיסָה, [וַוייל אַז מֶען אִיז מְבַזֶה דֶעם גֶערִיכְט הוֹיז זֶעצְט מֶען אַיין אִין תְּפִיסָה.] אִיז דֶער דְזְשָׁאדְ"שׁ אַלֵיין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען הֶערְן וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן. רוּפְט עֶר זִיךְ אָן: אִיר קֶענְט דֶען דַן זַיין דֶעם אִיד וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קַאפָּא"ו? מֶען הָאט אִים דָאךְ גֶע'הַרְגֶ'ט מִיט מַכּוֹת רֶצַח, אוּן וָואס טוּט דֶען נִישְׁט אַ מֶענְטְש זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען? אוּן עֶר אִיז אִים מַסְבִּיר: אַז וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט דָארְטְן גֶעוֶוען אוּן דָאס דוּרְכְגֶעלֶעבְּט קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מֶען

breslevcity.co.il

הָאט זֵיי צוּגֶענוּמֶען דֶעם דַעַת, אֱמֶת עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קַאפָּא״ו, אָבֶּער אִין וֶועלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן אִיז דָאס גֶעוֶוען?! עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאכְן נִישְׁט עֶסְן אַפָּאר טֶעג, אוּן נָאר אוֹיבּ עֶר וֶועט שְׁלָאגְן אַ אִיד וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן. [אַוַודַאי זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶש גֶעוֶוען אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעלָאזְט הַרְגֶ׳ענֶען אַבִּי נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען דָאס בֵּייקוּמֶען,] אוּן דֶער דְזְשָׁאדְ״ש הָאט דָאס פַארְשְׁטַאנֶען.

## ה.

דֶער חִידָ״א בְּרֶענְגְט אוֹיף עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער (צַוָּואֵרֵי שָׁלָל הַפְטָרַת שְׁמוֹת, חוֹמַת עֲנָךְ עַל יִרְמְיָה, וְעוֹד...) אַז מַקֵ״ל אִיז סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּן דִי אָבוֹת, אַבְרָהָ׳ם יִצְחָ׳ק יִשְׂרָאֵ׳ל. מֶען זֶעהְט בַּיי דִי תּוֹכָחָה שְׁטֵייט אוֹיךְ (וַיִּקְרָא כו, מב) 'וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקֹב אַף אֶת בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכּוֹר', דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש כַאפְּט - רַחֲמָנָא לִצְלָן - קְלֶעפּ מִיט

breslevcity.co.il

אַ מַקֵ״ל, פוּן אַלֶע זַייטְן, זָאל עֶר אָבֶּער ווִיסְן, אַז בַּיים סוֹף פוּן דֶעם מַקֵ״ל, וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, לִיגְט דָארְט דֶער סוֹפֵי תֵּיבוֹת אַבְרָהָ׳ם יִצְחָ׳ק אוּן יִשְׂרָאֵ׳ל.

וֶועגְן דֶעם זֶענֶען דַוְוקָא דִי דְרֵיי וָואכְן פוּן בֵּין הַמְצָרִים מְרוּמָז קֶעגְן דִי שָׁלֹשׁ רְגָלִים, וָואס אִיז קֶעגְן דִי דְרֵיי אָבוֹת. צוּ וַוייזְן אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אוֹיךְ שַׁייְכוּת מִיט דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי״ע זָאגְט אִין זַיין תְּפִלָּה אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לָשׁוֹן: מִמַּדְרֵיגָה לְמַדְרֵיגָה תַּעֲלֵינוּ שֶׁנִּזְכֶּה לָבֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, אִיךְ בִּין מְקַנֵּא אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן מִיר ווִיסְן אַז מִיר זֶענֶען אוֹיךְ קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, אוּן מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אַלֶעס אִיבֶּער קוּמֶען בַּיים סוֹף.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן מ): אוֹיף דֶעם פָּסוּק אֵלֶּה מַסְעֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (בַּמִּדְבָּר לג,

breslevcity.co.il

א): אַז דִי אַלֶע נְסִיעוֹת גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים (דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת מַסְעֵי בְּשֵׁם זְקֵינוֹ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע) אַז דִי אַלֶע צְוֵוי אוּן פֶערְצִיג מַסָעוֹת וָואס מֶען אִיז אַרוּם גֶעפָארְן דָאס גֵייט דוּרֶעךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד.

דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ה, מִשְׁנָה ג): **בְּעַשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָה אַבְרָהָם אָבִינוּ וְעָמַד בְּכוּלָם לְהוֹדִיעַ חִיבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ.** מִיט צֶען נִסְיוֹנוֹת הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפְּרוּאוְוט אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן עֶר אִיז דָאס אַלֶעס בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען. זָאגְן צַדִיקִים (עַיֵין מְאוֹר עֵינַיִם פַּרְשַׁת וָאֵרָא). אַז דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת גֵייט אוֹיךְ דוּרֶעךְ אוֹיף יֶעדְן אִיד, נָאר וָואס דֶען? אַבְרָהָם אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען דֶעם נִסָיוֹן.

וֶועגְן דֶעם דִי דְרֵיי וָואכְן וָואס אִיז אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג בַּאטְרֶעפְט וִויפִיל דֶער שֵׁם אֶהְיֶ״ה אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג (עַיֵין בְּסֵפֶר אוֹר לַשָׁמַיִם פַּרְשַׁת בָּלָק). וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף רָצוֹן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ו): אַז אֶהְיֶ״ה

breslevcity.co.il

מֵיינְט: ׳אִיךְ ווִיל זַיין פוּן יֶעצְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד׳. וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְחַזֵק און אֲפִילוּ עֶר זָאגְט אַז עֶר לִיגְט נָאךְ טִיף אִין שְׁמוּץ וְכוּ׳ דָאךְ לָאזְט עֶר נִישְׁט אָפּ זַיין רָצוֹן, און גֶעט נִישְׁט אוֹיף, נָאר עֶר ווִיל פוּן יֶעצְט אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן.

דֶערְפַאר דִי דְרֵיי וָואכְן אִיז אֵיין פוּן זַייט זֵייעֶר פִּינְצְטֶער, אָבֶער דַוְוקָא אִין דִי דְרֵיי וָואכְן קֶען מֶען טְרֶעפְן גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז כַּבְיָכוֹל אִין דִי צָרוֹת קֶען מֶען טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און וֶוען אַ אִיד וֵוייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְטְס דַאנְקְט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה און בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

breslevcity.co.il